לייענען, אויף דעם מוסר־זאָגן, אויף דער לערנונג.
14 פֿאַרנאַכלעסיק נישט אין דיר די מתנה פֿון חסד,
וועלכע איז דיר געגעבן געוואָרן דורך אַ נבֿואה,
15 מיט סמיכה פֿון די הענט פֿון די זקנים. זאָרג
וועגן די דאָזיקע זאַכן; באַשעפֿטיק דיך מיט זיי,
כדי דיין פֿאָרטשריט זאָל זיין באַשיינפּערלעך קלאָר
16 פֿאַר יעדן (איינעם). גיב אַכטונג אויף דיר אַליין
און אויף דער לערנונג. פֿאַרבלייב אין זיי; וואָרום
טוענדיק דאָס דאָזיקע, וועסטו ראַטעווען דיך אַליין,
און די, וועלכע הערן דיך.

## קאַפּיטל פֿינף

1 אויף אַ זקן זאָלסטו דיך נישט בייזערן, נאָר זיי
אים מזהיר, ווי אַ פֿאָטער; די יונגערע (מענער),
2 ווי בֿרידער; אַלטע פֿרויען, ווי מוטערס; די יונגערע,
3 ווי שוועסטערס, אין פֿולער לויטערקייט. גיב אָפּ
כּבֿוד צו אַלמנות, וועלכע זענען ווירקלעך אַלמנות.
4 אויב אָבער אַ געוויסע אַלמנה האָט קינדער אָדער
אייניקלעך, זאָלן זיי קודם כּל לערנען צו זיין
גאָטספֿאָרכטיק אין זייער אייגן הויז און אָפּצוצאָלן
גוטס צו די עלטערן; וואָרום דאָס דאָזיקע
5 איז אָנגענומען פֿאַר ג־ט. די ווירקלעכע אַלמנה
אָבער און פֿאַראיינזאַמטע, האָט בּטחון אויף
ג־ט, און האַלט אָן מיט תּחינות און תּפֿילות
6 ביינאַכט און ביטאָג. און די, וועלכע לעבט אין
7 תּענוגים, איז לעבעדיק טויט. דאָס זאָלסטו באַפֿעלן,
8 כדי זיי זאָלן זיין אָן אַ פֿעלער. אויב אָבער עמיצער
זאָרגט נישט פֿאַר זיינע קרובֿים, און איבערהויפּט
פֿאַר זיינע בני בית, האָט ער פֿאַרלייקנט די אמונה,
9 און איז ערגער פֿון אַן אומגלויביקן. אַלס אַן אַלמנה